


# תורת יואל

גליון מס'
84

אידיש

מיוחד פאר פרחי התלמידים זיך צו באקענען מיטן רבי'נס הייליגע דיבורים

י.ז. הכהן: עורך

שבועות תשפ"ו

## והייתם לי סגולה מכל העמים, כי לי כל הארץ

יש לדקדק - פרעגט דער רבי זי"ע - וואס איז דער נתינת טעם, **כי לי כל הארץ**, ווייל די וועלט איז מיינס וועגן דעם דארפן די אידן זיין **סגולה מכל העמים**? אדרבה די סברא גיט צו: אז וויבאלד די גאנצע וועלט איז דעם באשעפער'ס, דארפן אלע מענטשן זיין אייניג.

צו פארענטפערן, ברענגט דער רבי צו א מכילתא, אין פרשת יתרו, אז אלע אידן זענען געווען ראוי צו עסן קדשים, ביז דער חטא העגל, און דאן האט מען עס צוגענומען פון די אידן, און געגעבן נאר פאר די כהנים, און לעתיד לבוא, וועלן אלע אידן קענען עסן קדשים, פונקט ווי פארן חטא.

אין די פסוקים ווערט מבואר, אז משיח וועט לעתיד איינעמען די גאנצע וועלט, קודם וועט זיין קיבוץ גליות, אלע אידן וועלן קומען קיין ארץ ישראל, און משיח וועט ארויסשאקלען פון א"י, די רשעים, סיי די לעבעדיגע און אויך די טויטע, און ס'וועט בלייבן אין א"י נאר צדיקים, און דאן וועט ער גיין איינעמען די גאנצע וועלט פון די פעלקער.

**והנה**: אויב די אידן וועלן צוריקבאקומען, תיכף בשעת קיבוץ גליות, די מעלה פון עסן קדשים, וועלן זיי נישט קענען ארויסגיין פון א"י איינעמען די וועלט, ווייל די חכמים האבן גוזר געווען א טומאה אויף ארץ העמים, און וויבאלד א"י איז שוין געהייליגט, מעג א איד שוין נישט ארויסגיין, במילא וועלן די אידן קודם איינעמען די וועלט, און ווען די גאנצע וועלט איז אונטערטעניגט אונטער מלך המשיח, דעמאלס וועלן די אידן צוריק באקומען די מעלה פון אכילת קדשים.

און דאס איז פשט אין פסוק **והייתם לי סגולה**, דאס גייט ארויף אויף לעתיד לבוא, דער באשעפער איז מבטיח אז די אידן וועלן זיין **סגולה מכל העמים**, אבער נאך נישט אין די מדריגה פון כהנים, פארוואס? ווייל **כי לי כל הארץ**, קודם דארף מען איינעמען אלע לענדער.

הערשט נאכדעם וואס ס'וועט מקיום ווערן **כל לי כל הארץ**, וועט מקיום ווערן די הבטחה **ואתם תהי' ממלכת כהנים**, במילא איז: **כי לי כל הארץ** א נתינת טעם צו ווערן א **סגולה**.

**לזיכוי הרבים: די גליון ווערט פארשפרייט ווערכענטליך אין אלע גרעסערע סאטמארע בתי מדרשים.**
פאר הערות, צו באקומען דעם גליון וועכענטליך רופט: 347.603.0383, אדער שיקט אן אימעיל צו: toirasyoel@gmail.com

# א שמועס

## הרה"ח רבי שלמה ווייס שליט"א

**הרב החסיד רבי שלמה ווייס, א באַ-קאנטער מעתיק שמועה, ווי מען קען הערן א מעשה פון רביה"ק, פונקטליך און אקוראט, איצט פאר יו"ט האבן מיר פרו-בירט אים צו כאפן צווישן זיינע שיעורים, צו הערן א מעשה, א הנהגה פונעם רבי'ן.**

רבי שלמה דערציילט: **שבועות:** דעם ערשטן טאג יו"ט איז דער רבי בכלל נישט געשלאפן, איך האב מיטגעהאלטן און באמע־רקט אזוי: ערב יו"ט האט זיך דער רבי נישט אראפגעלייגט, ערשטע נאכט איז **תיקון ליל שבועות**, אין נאכדעם דער טיש, וואס האט זיך געצויגען ביזן עלות, און נאך דעם עלות האט זיך דער רבי שוין נישט אראפגעלייגט, און אזוי איז זיין עבודת הקודש אנגעגאנגען, ביז שפעט אין טאג, ווען דער קרעפל טיש ענדיגט זיך נאנט צו מנחה.

בכלל דארף מען וויסן, ביים רבי'ן איז **"צייט"** געווען זייער טייער, אפי' ווען ער האט געשמועסט מיט אנוועזנדע, איז יעדע שמו־עס איז געווען אויסגערעכנט און באהאלטען, און נישט סתם פארברענגט קיין איבעריגע צייט, כ'גיב דיר איבער עטליכע עקזעמפלארן פון רבינ'ס אויסגערעכנטקייט.

איך געדענק די פרייטיג צונאכטס טישן אין אלטען ביהמ"ד, (נעפ מענטשן) איז געווען דארט אונטען א קליינע קיך, ווי דארט האט זיך גע־ווארמעט די רבינ'ס סעודת שבת, אגב דער רבי האט געגעסן די זופ זייער הייס, דער זעלבן שיסל וואס איז געווען אויפן בלעך, אין דעם שיסל האט דער רבי געגעסן, מ'האט עס נישט איבער'געלעהרט אין א נייעם טעלער.

נאך די פיש, ווילאנג דער הויז בחור האט געהאלטן די שיסל וואסער, כדי דער רבי זאל זיך וואשן די הענד, האט א צווייטער משמש שוין געמוזט ברענגען די זופ, אויפן רבינ'ס פארלאנג, ווייל דער רבי האט נישט געהאט קיין "צייט" צו ווארטן, יעדע מינוט איז גע־ווען אויסגערעכנט, און די זעלבע צייט האט דער רבי געקענט איינדרימלען פארן עסן אדער נאכן עסן, און אפי' אינמיטן עסן פאר 15-20 מינוט, האלטענדיג דעם לעפל אין די האנד, מיט דעם אלעם איז יעדע מינוט גע־ווען אויסגערעכנט.

אגב, וועגן רבינ'ס דרימלען ביים טיש, וואס איז געווען הויכע ענינים, און ער האט זיך נישט געוואשן די הענט ביים זעך אויפ־כאפן, האט מיר דערציילט אדמו"ר מ'נאסויד שליט"א, אז אלס קינד פלעגט אים זיין פא־טער, הרב מ'נאסויד זצ"ל, צומאל מיטנעמען צום רבינ'ס טיש.

ביים טיש פלעגט ער ארום וואויוועגען, ווי דער סדר פון יונגע קינדער, און מיין טאטע פלעגט מיך אנשרייען חיים'ל!! פארוואס מא־כסטו גערודער!! די שטערסט דעם רבי'ן!! האב איך געענטפערט, "דער רבי שלאפט" ער הערט סיי ווי נישט, זאגט מיר מיין טאטע, גיב א קוק אונטערן טיש, איך קריך ארונטער, און איך זעה ווי אינמיטן דרימלען, האט זיך דער רבינ'ס פוס "אזוי געשאקלט" אז איך האב שוין פארשטאנען וואס ס'מיינט דער רבינ'ס א דרימל.

נאך פון דער רבינ'ס צייט פונקטליכקייט, דאס איז געווען ווען הרה"ח ר' אברהם יעקב גלאנצער ז"ל, האט באקומען רשות צו זיין ביי א סדר, וואס איז געווען א היסטארי־שע געשעעניש, ווייל דער רבי האט קיינעם נישט געלאזט קומען צום סדר, נאר מקורבים אדער בחורים/חתנים, און צומאל ארץ ישראל'דיגע געסט, אבער א היזיגער בעל הבית, איז נישט געווען קיין מציאות צו קענען מיטהאלטען דעם גאנצען סדר, (מ'האט געעפנט די טיר פארן ציבור, נאר צו די שפ־עטערדיגע פיוטים).

א צוויי וואכן פאר פסח האט דער רבי געגעבן פאר ר' אברהם יעקב, רשות צו קו־מען צום סדר, און געפרעגט וואו וועט זיין די ב"ב? זאגט ר' א.י. אז ער וועט שנעל ענדיגען אין שטוב און קומען (פאר א צווייטן בעה"ב וואס האט זייער געבעטן דעם רבי'ן, האט יענער געזאגט אז זי קען אויך מיטהאלטן, האט דער רבי געענטפערט בלייבטביידע און שטוב) דער רבי הייבט אן אויסרעכענען זיין סדר היום פון ערב פסח, און גיט פונקטליכע זמנים, אנ־געהויבן פון שריפת חמץ, מצות באקן, ביז אריינקומען צום סדר, און פאר ר' א.י. האט דער רבי געזאגט, דו זאלסט קומען, און געג־עבן א פונקטליכע צייט ווען צו קומען, ווייל נאכדעם שפארט מען שוין צו די טיר ביז די פיוטים.

א נאכט פאר פסח, ליל בדיקת חמץ, קלא־פט אריין א שליח פון רבי'ן, צו רבי א.י. אין זאגט אז דער רבי האט געזאגט אז ער האט איבערגערעכנט די זמנים, און באפוילען צו קומען עטליכע מינוט פריהער, אזוי איז דער רבי געווען אויסגערעכנט מיט זיין צייט, אז פאר עטליכע מינוט האט ער געפיהלט וויכ־טיג צו שיקן א שליח.

# א בינטל זכרונות

הר"ר חיים צבי גאלד שליט"א

**דער יו"ט שבועות ביי רביה"ק, איז שוין אויסגעשמועסט און באשריבן געווארן מערערע מאל, טרעפענדיג זיך מיט רבי חיים צבי אין ק"י - ל"ג בעומר, זאגן מיר אים "אין ביהמ"ד בלא חידוש", איז אט וואס ער פארציילט:**

אין די פריער'דיגע יארן, איז געווען איינגעפירט ביים רבי'ן'ס טיש, אז אידן זענען ארויף אויפן טיש, און געטאנצען אויפן טיש פארן רבי'ן, אין שכיח'דיגע זמנים, ווי א שטייגער ל"ג בעומר, שבועות, און נאך צייטן.

ל"ג בעומר: פלעגט קודם ר' יוסל אשכנזי ז"ל, זינגען **בר יוחאי** און נאכדעם איז ארויף אויפן טיש א איד הר"ר אברהם גראומאן ז"ל, און געזינגען דעם פיוט **ואמרתם כה לחי**, אויף אויסוויניג, (וואס האט געמאכט א רייץ צווישן די קינדער, צו קענען אויף אויסוויניג) און געטאנצען אויף מערערע ניגונים, אינאיינעם מיט אנדערע ארץ ישראל אידן וואס האבן מיטגעטאנצט אויפן טיש.

אויך שבועות פלעגט ר' אברהם ארויף גיין טאנצען אויפן טיש, ווי אויך איז געווען א סטאלינ'ער אידל, א לעבעדיגער, ער האט געהייסן רבי לייבל פילטשיק, ער איז געווען א לעבעדיגער סטאלינער מיט א געשמאק, האט ער געטאנצט דארט אויפן טיש אינמיטן רבי'ן זינגען "עליונים ששו", און וואס איז געשען איז: אז אינמיטן טאנצן האט ער געגעבן א טראסק אראפ צווישן די מענטשן, ס'איז געווארן פרייליך דארט, און דער רבי האט זיך אנגערופן מיט א שמייכל, "**עליונים ששו ותחתונים עלזו**".

וואס איז אינטערעסאנט, יענע צייט איז נישט געווען די עקסטערע בענק ביי די זייטן פון די טישן אזויווי ס'איז היינט ביים רבי'ן זאל זיין געזונט, ס'איז געווען נאר די מיטעלסטע, די טיש איז געווען אזויווי א "קמץ" און מ'איז געשטאנען ביי די זייטן, און וואס ס'האט גורם געווען אז די אידן וועלכע זענען געזעסן ביים טיש, זענען אויך צוזאמענגעקוועטשט געווארן, ווייל דער עולם האט זיך געשטופט, און די רוקנס פון די בענק האבן זיך אזוי אריינגעקוועטשט אויף די זיצענדיגע.

אגב, יענע צייט איז ר' יחזקא-ל ווערצבערגער עליו השלום געווארן שמש, און איך ווייס נישט צו ס'איז געווען זיין פאטענט, און איך מיין אז יא, ער האט מסדר געווען אז מ'האט געמאכט לאנגע העלצער, אריבער דעם טיש, אזוי לאנג ווי פון די רוקן פון איין באנק ביז די רוקן פון די אנדערע באנק אנטקעגן איבער, און דאס האט מען אריינגעלייגט צווישן די בענק אויף עטליכע פלעצער, אזוי אז דאס האט אפגעהאלטן אז די רוקנס פון די בענק זאלן זיך נישט איינברעכן, און אויך האט ער געזען דערצו אז דער עולם זאל זיך נישט אויפשטעלן און טאנצן ווען דער רבי האט געטאנצט. אזוי איז געבליבן א שטיקל ארדענונג.

דער סדר העולם איז, אז יעדע געשעעניש האט א מחזה, א סצענע, ווי למשל ווען מען רעדט פון א חתונה האט עס א געוויסע בילד אין קאפ, א ביהמ"ד האט זיין בילד וכו' וכו'.

יום טוב שבועות ביים רבי'ן, האט געהאט עטליכע סצענעס, ס'האט זיך כסדר געטוישט, דאס איז עפעס וואס מ'קען שווער מסביר זיין שריפטליך, די סצענעס האבן זיך כסדר געטוישט ווען מ'רעדט פון שבועות ביינאכט ביים דאווענען, וויאזוי ס'האט אויסגעקוקט, דאס דאווענען אין בית המדרש, דאס געפאקטקייט, תיקון ליל שבועות, די טישן, קריאת התורה, אקדמות, וכו', יעדע צייט איז געווען א מחזה הוד באזונדער.

איך וויל רעדן בעיקר יעצט, וויאזוי ס'האט אויסגעקוקט למשל די סצענע ווען דער רבי זי"ע האט געזאגט תורה, געווענליך ביי די תורות - א גאנץ יאר - איז געווען א בחינה פון אסאך ערנסטקייט, אסאך מאל מיט א שארפקייט, ווען דער רבי האט מוכיח געווען, פיהל מאל איז עס געווען מיט א בינוניות, אבער שבועות זענען די תורות געווען מיט אזא מין ליכטיגקייט, מ'האט געהאט די זכיה צו זען, מ'האט געזען פאר זיך א זקן מלא רחמים, ווי דער רבי האט אויסגעקוקט דעמאלטס, איבערהויפט נאך די ליכטיגע צורה וואס דער רבי האט געהאט בשעת'ן זאגן די תורה, ווי א זקן מלא רחמים.

און איבערהויפט ביים אויספיר פון דעם דרוש, ער האט זיך אנגעפאנגען מיט א גאנצע הויפן מיט קשיות, מיט דיוקים, ע"פ רוב אויפן פסוק **כה תאמר לבית יעקב ותגיד לבני ישראל**, ווען ער האט אויסגעפירט **שמחים כנתינתן מסיני**, איז עס געווען מיט דעם שמייכל, און ער האט זיך ארומגעקוקט אויפן עולם, בשעת'ן פארענטפערן די אלע דיוקים, די לייכטקייט, די ליכטיגקייט, איז א זאך וואס "**הלא למשמע אוזן דאבה נפשינו**".

**זכותו יגן עלינו**

# זכרונות בית רבי

**מנשה קעניג**

די קומענדיגע באשרייבונג, קומט פון די נאטיצן פון הר"ר מנשה קעניג ז"ל, ר' מנשה איז נישט געווען דוקא א סאטמארער חסיד, אבער יא א שטארקער חסיד פון רביה"ק זי"ע, ער האט נישט געשטאמט פון א חסיד'ישע היים, דוקא נישט, אבער ער האט געלערנט ביים רבי'ן דריי יאר אין סאטמאר אינדערהיים, און זיין דעטאלע שילדערונג איז א קורת רוח צו לייענען.

אין זיין הקדמה, שרייבט ער, אז מען זאל חלילה נישט מיינען אז ס'איז מעגליך אפצושאצן, אדער באשרייבן דעם הייליגען רבי'ן זי"ע, בכלל נישט, ער שרייבט עס נאר פאר זיין משפחה, כדי צו וויסן - לויט אונזערע השגות - ווי אזוי ס'האט אויסגעזעהן א צדיק אמת.

די סיבה ווי אזוי ער איז אנגעקומען אין די ישיבה אין סאטמאר, שטאמענדיג פון א יעקישע/אויבערלענדישע שטוב, אן קיין שום קשר צו חסידות בכלל, און זיכער נישט צום רבי'ן!! נאר וואוינענדיג אין סערענטש - דערציילט רבי מנשה - האב איך געהערט אז דער קראלער רב קומט קיין אונגארן אויף עטליכע שבתים, האבן מיר חברים באשלאסן צו גיין פראווענען א שבת ביים קראלער רב, זעמיר געפארן קיין סענטפעטער אויף שבת קודש.

איך בין געווען גאנץ יונג, קוים בר מצוה, פון די דברי תורה האב איך גארנישט פארשטאנען, אבער די אצילות און זיין צורה, דער וועג ווי אזוי ער האט געמאכט קידוש און געזאגט תורה, די תפילות, און בכלל זיין קרן אור פניו, דאס האט מיך געכאפט, און ס'איז מיר געבליבן אין זכרון.

דאס איז געווען אין יאר תרצ"ב, דריי יאר שפעטער, סוף זמן תרצ"ה, ווען איך בין אהיימגעקומען פון די ישיבה אין ניר-מאדע, האט איך באגעגענט אויף די באן בחורים פון מיין שטאט סערענטש (ובתוכם הרב ר' יחזקא-ל ראטה, ועוד) און זיי האבן מיר פארציילט אז זיי קומען איצט אהיים פון די ישיבה אין סאטמאר, און זיי האבן אזויפיל ארומגערעדט איבער די ישיבה, און דערציילט אז די ישיבה האלט שוין ביי איבער 300 בחורים, און דערציילט די גרויסקייט פון דעם סאטמאר רב, וואס איך האב שוין געהאט די זכי' צו זעהן יארן פריער.

דאן האט זיך אנגעהויבן וועבן פלענער אין מיין קאפ, אז די קומענדיגע זמן, גיי איך קיין סאטמאר, אין שטוב איז מען נישט געווען איבעריג פריילך מיט מיין החלטה, קודם איז סאטמאר אין ראמעניע, וואס מיינט אז איך וועל מוזן שווערצן דעם גרעניץ, ווער האט געהאט א לעגאלער פאספארט? קיינער!! און פארשטייט זיך אז אהיים וועט מען נישט קענען קומען אזוי אפט, כאטש געווענליך זענען בחורים אהיים געקומען אויף חודש תשרי און ניסן, אבער אז מ'דארף שווערצן, וואס איז פארבינדן מיט סכנות, איז מען אהיים נאר איינמאל אין צוויי אדער דריי יאר, די מאמע עלי' השלום, האט געפרעגט "פעלט דען ישיבות אין אונגארן".

אבער ביי מיר איז די החלטה געווען, אז איך גיי קיין סאטמאר, און סוף חודש אלול תרצ"ה, בין איך געפארן קיין טשענגער - א גרעניץ שטאט, אינמיטן די נאכט בין אריבער דעם גרעניץ דורכ'ן טייך, די וואסער איז מיר אנגעקומען ביזן האלז, און צומארגענס, יום ד' סליחות, בין איך געשטאנען - מיט מיינע נאסע פעקלעך - אין פאליש ביים רבי'ן'ס בית מדרש, איך האב מיך אריינגעשטופט אין ביהמ"ה, ביזן רבי'ן'ס עמוד, און געווארט דער רבי זאל אריינקומען צו סליחות.

(המשך בשבוע הבא אי"ה)

# ידיעות קלאוס

מנהג | טעמו | ומקורו

## סעודת חלב - שבועות

דער רמ"א זאגט אז מ'עסט די מילעכיגע סעודה אינדערפרי, **הטעם** ווייל ס'איז גלייך צו די צוויי תבשילין פון פסח, זכר לפסח און זכר לחגיגה וועגן דעם עסט מען שבועות סעודת חלב און בשר, און צייכענט צו, אז מ'זאל זיך אויך קובע זיין אויף פת, ווייל די צוויי חלות, אויפן טיש וואס איז במקום מזבח זענען א זכר לשתי הלחם.

**עוד טעם**, ווייל בשעת מתן תורה איז נתפרש געווארן אלע הלכות, ובתוכם שחיטה ומליחה, במילא איז גע'אסר'ט געווארן די פלייש, האבן די אידן געקענט עסן נאר מאכלי חלב, לזכר - עסן מיר א סעודת חלב, אין דוקא בייטאג נאך מתן תורה.

**יש נוהגין**, אז מ'עסט די מילעכיגע סעודה ביינאכט, און מ'עסט נאר מילעכיגס, שטייט אין מדרש פנחס (הרה"ק פנחס מ'קאריץ זצ"ל) אז די ערשטע נאכט סעודה איז לגומרה של מצוה פון ספירת העומר, וועגן דעם עסט מען א מילעכיגע סעודה דוקא, און נישט קיין געווענליכע יום טוב'דיגע פליישיגע סעודה, ס'זאל זיין ניכר אז ס'איז א סיום לדבר מצוה.

# א קאפיטל היסטאריע

## רבינו יקיר

רבינו אפרים בן רבי יצחק בן רבי אברהם מ'ראגשנבורג, פון די גרויסע בעלי התוספות, און זיינע חידושים ווערן דערמאנט אונטערן נאמען רבינו יקיר, און די סיבה ווייל אין זיינער צייט איז געווען נאך א גדול מיטן נאמען רבינו אפרים א תלמיד פונעם רי"ף, האט מען אים מכנה געווען רבינו יקיר, מיוסד אויפן פסוק הבן יקיר לי אפרים.

רבינו יקיר איז געווען מגדולי התלמידים פון רבינו תם, פיהלע באצייכענונען אים גאר, אלס תלמיד חבר פון רבינו תם, דער רבינו תם שרייבט אין א תשובה: **מוחזק אני בך שאתה בקי בחדרי תורה**, נאך א צאל יארן איז ער געפאהרן קיין שפייער-דייטשלאנד צו די ישיבה פון ריב"א, א תלמיד פון רש"י הק', און שפעטער געווארן מבית דינו פון דעם ריב"ם.

רבינו יקיר איז געווען א פייטן, דער פיוט **אבותי כי בטחו** וואס מיר זאגן עשרה בטבת, איז מיוחס צו אים, אזוי אויך דער פיוט **אם אפס רבע הקן**, פון די סליחות, די ארגינעלע אשכנזים זאגן חנוכה א פיוט **שני זיתים**, וואס איז אויך א יצירה פון רבינו יקיר.